UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Notitsn Fun Yidishn Gezelshaftlekhn Lebn / Notes From the Yiddish Social Life

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/2ft0t4ds

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 90(1)

Author
Samuel Weiss, Shmuel Vays /

Publication Date
1978

Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

**שמואל ווייס**

# פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין לאָס אַנגעלעס

## יידישער ישוב פירט דורך עפעקטיווע דעמאָנסטראַציעס ביי סאָוועטישער אויסשטעלונג

צווישן דעם 9טן און 29טן נאָוועמבער האָט דער יידישער ישוב אין לאָס אַנגעלעס דורכגעפירט אַ ריי פּראָטעסט־אַקציעס קעגן דער סאָוועטישער אויסשטעלונג אין היגן קאָנווענשאַן צענטער, וואָס זיינען געווען אַן עפעקטיווער ענטפער אויף דער ליגנערישער פּראָפּאַגאַנדע פון דעם סאָוועטישן רעזשים ביי דער אויסשטעלונג. בעת דער סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט איז געווען איינגעשטעלט אויף צו ווייזן ווי גוט עס לעבט זיך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז די אָרגאַניזירטע יידישע געמיינדע געווען איינגעשטעלט אויף צו ווייזן ווי שלעכט דער דריי מיליאָניקער יידישער ישוב ווערט באַהאַנדלט אין דעם אַמאָליקן גייסטרייכן צענטער פון דעם מזרח־אייראָפּעישן יידנטום.

איבער 60.000 יידן און ניט־יידן האָבן באַזוכט די אויסשטעלונג אין דעם זעלביקן קאָנווענשאַן צענטער. דורך בילדער פּאַמפלעטן און היסטאָרישע דאָקומענטן האָט די יידישע אויסשטעלונג געוויזן ווי אַזוי דער קאָמוניסטישער רעזשים האָט סיסטעמאַטיש פאַרניכטעט יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, שולן און סינאַגאָגעס, די יידישע פּרעסע, יידישע ליטעראַטור צוזאַמען מיט אירע שאַפערס און כמעט דעם גאַנצן גייסטיקן עשירות וואָס יידישע דורות האָבן געשאַפן אין רוסלאַנד.

אויף דער טעמע: „סאָוועטיש יידנטום — זעקס צענדליק יאָר פון אונטערדריקונג" האָט די יידישע געמיינדע געוויזן ווי אַזוי די יידישע באַפעלקערונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערט, דיסקרימינירט געפלאָגט דורך פאַרשיידענע גזירות, דורך אַרעסטן, דורך בילבולים אויף יידישע אינטעלעקטואַלן וועמעס איינציקער פאַרברעכן איז זייער ווענדונג נאָך אַן אַרויספאָר־וויזע אין אויסלאַנד אָדער אויסדריקן סימפּאַטיעס פאַר דער יידישע מדינה אין ישראל.

אין דרויסן אַרום דער אויסשטעלונג זיינען יעדן טאָג אין משך פון די 29 טעג וואָס די אויסשטעלונג האָט אָנגעהאַלטן, דורכגעפירט געוואָרן דעמאָנסטראַציעס פון יידישער יוגנט, פון פרויען און מענער, פון יידישע אָרגאַניזאַציעס, פון קינדער פון יידישע שולן און תלמוד תורהס און פון רוסישע יידן וואָס האָבן באַוויזן דורכצורייסן די וואַנט וואָס האָט זיי אָפּגעטיילט פון זייערע משפּחות און פון יידישן כלל.

אַ באַזונדערס איינדרוקספולע סאָלידאַריטעט־דעמאָנסטראַציע מיטן סאָוועטישן יידנטום איז דורכגעפירט געוואָרן דעם ערשטן טאָג ווען די אויסשטעלונג האָט זיך געעפנט, וואָס האָט צוגעצויגן איבער 600 באַזוכערס און איז שפּעטער געוויזן געוואָרן פאַר די מיליאָניקע צושויערס אויף טעלעוויזיע. אַחוץ דעם זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן סעמינאַרן, קולטור־אַסיפות פון פאַרשיידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין די ספּעציעלע פאַרזאַמלונג־לאָקאַלן וואָס די געמיינדע האָט אָפּגעדונגען אויפן צווייטן שטאָק פון דער אויסשטעלונג, וואָס זיינען געווען געווידמעט דעם פּראָבלעם: סאָוועטיש יידנטום.

אָט איז בלויז אַ טיילווייזע רשימה פון יידישע קערפּערשאַפטן וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די עפנטלעכע אַקציעס:

---

קער קיין אַמדור, מאַכט גראַדע דעם ליי־ענער גלייבן אין זייער אמתדיקייט און אַזוי אַרום ציט ער אים אַריין אין דער דראַמע. אין די ישיבה געווינט קיינער נישט און קיינער פאַרלירט נישט. מיטן גאַנג פון לעבן איז צמח אַרויסגעוואַקסן פון זיין יוגנט־חלום אויסצוגעפינען דעם סוד ווי אַזוי פּטור צו ווערן איין מאָל פאַר אַלע מאָל פון דעם יצר הרע. סוף כל סוף האָט ער דאָך אויסגעפונען אַז ער וועט דעם יצר הרע מוזן באַקעמפן לעולם ועד.

יידיש פון זאב סאַלעס

אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס, אַנטי־
דעפאַמיישאַן ליג־בני ברית, פּרויען־אָרט,
סטודענטן־יוגנט, הלל־קאָונסיל, באָארד
אָוו ראַבייס און די אָנפירונג פון פאַרשיי־
דענע טעמפּלען און קאָנגרעגיישאַנס, ווי
אויך אָרגאַניזאַציעס פון קריסטלעכע
גייסטלעכע, פון יידישע דאָקטוירים און
לאָיער גרופּעס, יידישע מלחמה־וועטעראַ־
נען און אחרון אַחרון — דער היגער
אַרבעטער רינג, וועלכער האָט אָפּגע־
האַלטן צוויי פאַרזאַמלונגען: איין פאַרזאַמ־
לונג אויף דער טעמע: די פאַרניכטונג פון
יידישער קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד
און אַ דראַמאַטישע אויפפירונג, מיט דער
באַטייליקונג פון פּראָמינענטע בינע־
קינסטלערס, געווידמעט דעם אומקום פון
סאָוועטישע יידישע שרייבערס דעם 12טן
אויגוסט, 1952.

צו דער אויסשטעלונג איז אויך געקו־
מען ראַבּיי מאיר קאַהאַנע פון דער „דזשו־
איש דעפענס ליג" מיט אַ באַטאַליאָן פון
זיינע אָנהענגערס. אָבער ער האָט ווייניק
וואָס געהאָט צוצוגעבן צו דער איינדרוקס־
פולער אַקציע פון דער היגער יידישער
געמיינדע לטובת די רעכט פון סאָוועטישע
יידן.

## דער קאַמפּיין פאַר פאָנדן פון דער יידישער געמיינדע

דעם ערשטן פעברואַר האָט זיך אָנגע־
הויבן די יערלעכע קאַמפּאַניע צו זאַמלען
פאָנדן פאַר יידישע הצטרכותן אין לאָס
אַנגעלעס, איבער אַמעריקע, אייראָפּע און
ישראל. די צדקה־אַקציע וועט, ווי יעדן
יאָר, געפירט ווערן דורך דעם פאַראיי־
ניקטן יידישן וועלפעיר־פאָנד אונטער
דער אויפזיכט פון דעם יידישן פעדעראַ־
ציע־קאָונסיל. הייאָר שטעלט זיך דער
קאַמפּיין דעם ציל צו שאַפן 31 מיליאָן
דאָלער — 30 מיליאָן צו דעם 30סטן
יובילי פון מדינת ישראל און איין מיליאָן
לכבוד באַרבי וויינבערג, די ענערגישע
פּרעזידענטין פון דער פעדעראַציע, וואָס
האָט ביזן לעצטן יאָר אָנגעפירט מיטן
צדקה־קאַמפּיין.

לעצטן יאָר האָט דער וועלפעיר־פאָנד
געשאַפן איבער 27 מיליאָן דאָלער, וואָס
זיינען פונאַנדערגעטיילט געוואָרן צו יידי־
שע הילף־אַגענטורן אין דער שטאָט, צום
פאַראייניקטן יידישן אַפּיל לטובת ישראל,
צו דעם אייראָפּעישן „דזשאָינט דיסטרי־
ביושאַן קאָמיטע" און צו פאַרשיידענע נאַ־
ציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס אין די פאַר־
אייניקטע שטאַטן.

די היגע יידישע געמיינדע האָט נאָך
אַלץ דעם פּראָבלעם וואָס בלויז אַ העלפט
פון דער יידישער באַפעלקערונג באַטיי־
ליקט זיך אין דער זאַמל־אַקציע מיט
גרויסע אָדער קלענערע ביישטייערונגען.
די אַנדערע העלפט, צווישן זיי גאַנץ גרוי־
סע יידישע גבירים, בלייבן פּאַסיוו אָדער
גיבן בלויז אַ קליינע ביישטייערונג אויף
יוצא צו זיין פאַרן יידישן כלל. ווי אַזוי
אַריינצוציען אין דער קאַמפּאַניע די פּאַ־
סיווע יידן איז היינטיקס יאָר, ווי אין פרי־
ערדיקע יאָרן, די זאָרג פון יידישע כלל־
טוערס אינעם היגן יידישן ישוב.

למען האמת דאַרף אָבער געזאָגט ווערן,
אַז ניט אַלע יידן, וועמענס נעמען זיינען
ניטאָ אין דער רשימה פון מנדבים צו דעם
פאַראייניקטן יידישן וועלפעיר פאָנד זיי־
נען קמצנים אָדער עס גייט זיי ניט אָן
דער יידישער קיום. אַ סך יידן גיבן זייע־
רע ביישטייערונגען לטובת הכלל דורך
די זאַמלונגען פון יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד,
פון הסתדרות קאַמפּיין, פון די פאַרשיי־
דענע דערציונגס אינסטיטוציעס, פון דער
היים פאַר עלטערע אין רעסידאַ און ניט
צום לעצט — פון דער וווּנדערבאַרער
הייל און מעדיצינישן פאָרש־אינסטיטוט
„סיטי אָוו האָופּ". יידן גיבן צדקה אויך
צו אַנדערע יידישע און ניט־יידישע
פילאַנטראָפּיעס.

האָפנטלעך וועלן היינטיקס יאָר מער
יידישע משפחות ווי אין פריערדיקע יאָרן
מאַכן גרעסערע ביישטייערונגען צו דעם
פאַראייניקטן וועלפעיר פאָנד, נעמענדיק
אין אַכט די וואַקסנדע נויטן אין ישראל,
די גרויסע אינפלאַציע, די דריקנדיקע
שטייער־לאַסטן און די נויטווענדיקייט
אויפצוהאַלטן די קולטור און דערציונג־
אינסטיטוציעס אין דער מדינה.

## גרונטשטיין געלייגט פֿאַרן אויפֿבוי פֿון אַ צענטער אויפֿן נאָמען פֿון שמעון וויזענטאַל

דער נייער ישיבה־אוניווערסיטעט אין לאָס אַנגעלעס, אויף פּיקאָ בולוואַרד און ראָקסבורי דרייוו, האָט סוף לעצטן יאָר געלייגט דעם גרונטשטיין פֿאַר דעם אויפֿבוי פֿון אַ דאָקומענטאַציע צענטער פֿון דעם יידישן חורבן, אויפֿן נאָמען פֿון שמעון וויזענטאַל. דאָס וועט זיין, לויט דער דערקלערונג פֿון די מנהיגים פֿון דעם אוניווערסיטעט, דער ערשטער און אפֿשר דער גרעסטער צענטער אויפֿן אַמעריקאַנעם קאָנטינענט וואָס וועט זיךווידמען דער פֿאָרשונג פֿונעם חורבן אין וועלכן עס זיינען אומגעקומען זעקס מיליאָן יידן. אַ ספֿר תורה און צוויי ציגל פֿון דעם בירקענאַו טויטן־לאַגער אין דייטשלאַנד זיינען אין אַ דראַמאַטישער, מיט עמאָציע איבערגעלאָדענער צערעמאָניע, איינגעגראָבן געוואָרן אין דעם פֿונדאַמענט פֿון דעם בנין ווי סימבאָלן פֿון דעם חורבן.

דער ישיבה „צענטער" וועט פֿאַראייביקן דעם נאָמען פֿון דעם הויפּט פֿון דאָקומענטאַציע צענטער אין ווין, עסטרייך, וואָס האָט זינט 1946 געהאָלפֿן אויפֿזוכן און ברענגען צום משפּט איבער טויזנט נאַצי־פֿאַרברעכער, צווישן זיי דעם טרויריק־באַרימטן אַדאָלף אייכמאַן, וועלכער איז פֿאַרמשפּט געוואָרן אין דעם היסטאָרישן פּראָצעס אין ירושלים. שמעון וויזענטאַל איז נאָך היינט אַקטיוו צו ברענגען אין געריכט איבער 300 נאַצי־פֿאַרברעכערס — 80 פֿון זיי אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן — וועלכע האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אויסמאָרדן יידן אין דער נאַצי־תקופֿה.

אגב, האָט די יידישע געמיינדע אין ל. א. שוין אָנגעהויבן די בוי־אַרבעט פֿון אַ דענקמאָל און ביבליאָטעק צו פֿאַראייביקן דעם אָנדענק פֿון די זעקס מיליאָן יידן, וואָס זיינען אומגעקומען אין די נאַצי שחיטות. עס איז שוין 4 יאָר זינט מ'האָט געפּלאַנט בויען דעם דענקמאָל, וואָס האָט געזאָלט אַוועקגעשטעלט ווערן ביים בנין פֿון דע רײדישער פֿעדעראַציע אויף 500 וועַרמאָנט עוו. איצט נאָכן אַריבערציען אין דער נייער געביידע אויף 6505 ווילשייער, וועט דער דענקמאָל און ביבליאָטעק זיין אויגעבויט אויפֿן 12טן שטאָק פֿון דעם קהילה־בנין. עס וואָלט, לויט אונדזער מיינונג געווען ריכטיקער אַוועקצושטעלן דעם דענקמאָל אין דער רחבותדיקער לאָבי פֿון דעם בנין, ווו מער מענטשן און אפֿילו צופֿעליקע פֿאַרבייגייער זאָלן עס קענען זען.

## גרויסער דערפֿאָלג פֿון דער לעקציע-סעריע מיט ד"ר עזריאל נאַקס אין ל. א.

ד"ר עזריאל נאַקס, פּראָפֿעסאָר פֿון פֿילאָסאָפֿיע און פּרעזידענט פֿון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, האָט אין יאַנואַר חודש געהאַלטן אַ סעריע לעקציעס אין לאָס אַנגעלעס, וואָס האָבן שטאַרק אויסגענומען ביים היגן עולם, סיי דורך דער פֿאַרשיידנאַרטיקייט פֿון זיינע טעמעס און סיי דורך זיין פֿאַרטיפֿטן יידישן וויסן. ד"ר נאַקס איז געווען דער גאַסט פֿון יידישן קולטור־קלוב, וועלכער איז שוין איבער פֿופֿציק יאָר אַן איינגעפֿונדעוועטע יידישע קולטור־אינסטיטוציע אין דער שטאָט.

פֿון די צען לעקציעס וואָס ד"ר נאַקס האָט געהאַלטן זיינען צוויי געגעבן געוואָרן פֿאַר דעם עולם אינעם קולטור־קלוב, איינשליסלעך די קבלת־פּנים לעקציע, שבת דעם 7טן יאַנואַר, אויף דער טעמע: „יידישע השפּעות און עלעמענטן אין דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע." די צווייטע לעקציע האָט ד"ר נאַקס געהאַלטן אויף דער טעמע: „יידישער הומאָר און יידישער גורל." ביידע מסיבות אינעם קלוב זיינען געווען גוט באַזוכט און זיינען אָנגעפֿירט געוואָרן פֿון אַלעקס ראָבין, דער פּרעזידענט פֿון קלוב און דער שטענדיקער מכניס אורח פֿון יידישע קולטור־פּערזענלעכקייטן וואָס באַזוכן לאָס אַנגעלעס. פֿריינד ראָבין האָט באמת פֿאַרדינט דעם טיטול פֿון אַמבאַסאַדאָר פֿון מלכות יידיש אין אונדזערע מקומות.

ד"ר נאַקס האָט געהאַלטן צוויי לעקציעס איז קולטור־צענטער פֿון אַרבעטער רינג. איין לעקציע אויף יידיש, אויף דער

טעמע: „עטישע און גייסטיקע ווערטן אין דער יידישער ליטעראַטור", און די צווייטע לעקציע, פאַר דער ענגליש־ריידנדיקער אָפּטיילונג פונעם אָרדן, אויף דער טעמע: „צו אַ פילאָסאָפיע פון יידיש לעבן אין אַמעריקע." אַ געראָטענעם אויפטריט האָט ד"ר נאַקס אויך געהאַט ביי דעם אַרטור זיגלבוים בר. 486 פון אַרב. רינג, ווו ער האָט גערעדט וועגן „נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע עלעמענטן אין יידישקייט."

פיר צוויגן פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד — דער באַראָכאָוו־עמק צוויג, הירשביין־רויזענבלאַט צוויג, וויצמאַן־זאַלצמאַן צוויג און דער שלום עליכם צוויג האָבן אַראַנזשירט אַ לעקציע מיט דעם גאַסט אויף דער גאָר פּאַסיקער טעמע: „אַ מדרש וועגן שלום עליכם."

אַן עולם פון איבער 600 מתפללים אין דער שול ארי־אל, אין סאַן פערנאַנדאָ וועלי, האָט אין אַ פרייטאָג־צו־נאַכט געהערט אַ פאַרטיפטע לעקציע וועגן „פערציק יאָר צום צוגעזאָגטן לאַנד."

ד"ר נאַקס האָט געהאַלטן אַ לעקציע פאַר די סטודענטן פון היברו יוניאָן קאַלעדזש וועגן „יידישן הומאָר און יידישן גורל", און צוויי לעקציעס פאַר די גרופּן פון „הדר" אין דעם פעדערישאַן קאָונסיל (קהילה) אין ל. א. ביידע גרופּעס באַשטייען פון יונגע מענער און פרויען וועלכע גרייטן זיך אָנצופירן מיט יידישע קהלישע אינסטיטוציעס.

אין אַלע לעקציעס פון ד"ר נאַקס האָט זיך דורכגעפלאָכטן זיין פילאָסאָפישע איינשטעלונג בנוגע וועלטלעכקייט און יידישקייט. ער זוכט אַ סינטעז פון וועלטלעכקייט און טראַדיציע. מען קען ניט, מיינט ער, אָפּלייקענען וועלטלעכקייט. מען דאַרף אָבער אַריינטראָגן אין וועלטלעכקייט אַ יידישן אינהאַלט. אָן אַ פאַרטיפטן יידישן אינהאַלט, מיינט ער, וועט אונדזער וועלטלעכקייט זיין ווי דעם מהרלס גולם, עס וועט גורם זיין פאַר די וויטערדיקע דורות, וואָס וועלן ירשענען אונדזער וועלטלעכקייט אָן אָט־דעם אינהאַלט, אַסימילאַציע, אַ דערווייטערונג פון יידיש לעבן און יידישע ווערטן.

דער אמת איז אַז מיר באַנוצן דאָס וואָרט וועלטלעכקייט און מיר מיינען אייגנטלעך הומאַניזם; דאָס הייסט, מיר באַטאָנען די הומאַניסטישע דימענסיעס פון טראַדיציע, און ממילא מיינט עס וועלטלעכקייט, אָט יענע וועלטלעכקייט וואָס דריקט זיך אויס (1) אין אַן אוניווערסאַלן אינטערעס אין דער גאַנצער יידישער וועלט, און עם ישראל, אומעטום, און (2) אין אַן אינטערעס אין דער אַלגעמיינער וועלט, אין דעם אַלמענטשלעכן פּראָגרעס. אָבער דאָס איז דאָך דער עצם פון אונדזער טראַדיציע, פון די נביאים ביז היינט.

אָט־אָ־דער הומאַניזם (וואָס מען האָט אים צופעליק אָנגערופן וועלטלעכקייט) האָט אויפגעטאָן אָט וואָס, און דאָס איז זיין קאָלאָסאַלער צ ו ש ט י י ע ר צו אונדזער פאָלקס־לעבן: 1) ער האָט נאַטוראַליזירט דעם משיח־אידעאַל, אַראָפּגעבראַכט אים פון הימל אויף דער ערד, ווי אַ שטייגער אין דעם ציוניזם און יידישן סאָציאַליזם.

(2) ער האָט סעקולאַריזירט די יידישע עטיק, דעם בין אָדם לחברו, ווי אַ שטייגער אין די פאָלקסטימלעכע און חסידישע מעשיות פון פרצן.

(3) ער האָט באַנייט דעם היסטאָרישן בונד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביים באַרג סיני, און וואָס יעדער דור מוז אים באַנייען, ווי אַ שטייגער אין דער ליבשאַפט און געטרייקייט צו אונדזער מאָדערנער קולטור אין יידיש און העברעיש און אין דער אויסטייטשונג פון דעם פרינציפּ, אַז כל ישראל ערבים זה בזה (אַלע יידן זיינען פאַראַנטוואָרטלעך איינער פאַר דעם אַנדערן), און בכן אונדזער קאַמף לטובת רעכט פאַר די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, פאַר דער זיכערקייט פון מדינת ישראל, וכדומה.

דערביי דאַרף מען געדענקען אַז אין אונדזער געשיכטע (ניט ווי ביי די קריסטלעכע פעלקער) זיינען אומה און אמונה אויפגעוואַקסן צוזאַמען אין אַ דיאַלעקטישער שייכותדיקייט, אין קעגנזייטיקער באַווירקונג. און ס'איז ניט אונדזער אויפגאַבע איבערצורייסן מיט אָט דעם בונד, נאָר צו רעאינטערפּרעטירן זי, ווי אין די פריערדיקע דריי הנחות. אַניט וועלן אונדזערע קינדער געפינען זיך אין דרויסן פון אונדזער פולער געשיכטע, וועלן וויסן